DER HARBST-VINT OYF DER RAYZE

S. Reynhaymer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

ס. רײַנהײמער.

דער הארבסט־ווינט

אויף דער רייזע

איבערזעצט פון דייטש

פון מנוחה ראַבינאָוויטש.

צווייטע אויפלאגע.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“ ביאַליסטאָק.

1921.

№ 9.

דרוקערײ מישאנדזניק ביאליסטאק, ליפאווע 25.

ס. ריינהיימער.

ד״ר י. א. מעריסאָן

דער הארבסט־ווינט

אויף דער רייזע

איבערזעצט פון דייטש

פון מנוחה ראַבינאָוויטש.

צווייטע אויפלאגע.

פארלאג „קולטור־ליגע“ ביאַליסטאָק.

1921.

№ 9.

דרוקעריי מישאנדוניק, ליפאווע 25.



— № 9 —

WIATR JESIENNY
o o W PODRÓŻY o o

o o o o S. Reinhejmer

z niemieckiego

M. Rabinowicz o o o o

Wydawnictwo
„Kulturalno-Oświatowe"
w Białymstoku.

Drukarnia Miszondznika Białystok
Lipowa № 25.

דער הארבסטווינט אויף דער רײַזע.

אין דרויסן איז געווען א שײַנער הארבסט־וועטער. דער הימל איז געווען בלוי, די זון האָט געשײַנט, און די גערטנער האָבן געבליט רויטע ליליען און ווײַסע אסטרעס.

אין אַזאַ וועטער איז גוט אַ גאַנצן טאָג אַרום־שפּאַצירן.

— ווײַסט איר, קינדער, ווער איז דאָס אײַנגעפאַלן? — דעם ווינט, דעם הארבסטווינט.

— הו־הו — האָט ער געמאַכט; — איז דאָס הײַנט א וועטער, נאָר ארומצוּוואַנדערן, איך וועל זיך א לאָז טאָן אין וועג אַריין! וועט דאָס זײַן אַ פרײַלעכער שפּאַציר! הו־הו!

מאַכט ניט דער ווינט קײן גרויסע הכנות און לאָזט זיך אין וועג אַרײַן.

— הו־הו! — האָט זיך דערהערט זײַן הוּושען איבער דער גאַס. — הו־הו! איך לאָז זיך אויף דער רײַזע! ווער פאָרט מיט מיט מיר? — האָט דער ווינט הויך אויסגערופן.

האָט מען זיך א לאָז געטאָן מיט אַ מאָל פון

ארבע פינות עולם: פאַרטריקנטע בלעטער, שפענער, ליידיקע פאַפּירענע זעקלעך; אפילו אַ פּאָר היט זײַנען אַראָפּגעפלויגן פון די קעפּ פון די דורכגייער און האָבן אויך געוואָלט צושטייַן צו דער פריילעכער חברה.

דער ווינט איז געווען העכסט צופרידן.

— אָט דאָס איז גוט האָט ער געזאָגט; — אַ מחיה, ווי עס פּאַרט זיך! — און ער האָט אַ יאָג געטאָן די היט איבער דער גאַנצער גאַס.

אויף דרויסן איז געוואָרן פריילעך. אַלעמען האָט אָנגענומען אַ חשק זיך יאָגן צוזאַמען מיטן ווינט.

דאָ האָט זיך די גאַרדין אַרויסגעכאַפּט פון פענסטער ארויס, דאָרט האָט דער לאָדן אָנגעהויבן צו טאַנצן אויף זײַנע האַטשיקעס. אָבער ביידע, סיי דער גארדין און סיי דער לאָדן האָבן, נעבעך, ניט געקענט מיטפּאָרן.

זעט נאָר! דעם בלומענטאָפּ פון פענסטער האָט זיך אויך פאַרוואָלט אין וועג אַריין: ער האָט אָנגעהויבן זיך שאָקלען אהין און צוריק. מיט אַ מאָל — טראַך! — און ער ליגט שוין אויף דער גאַס. אַ שאָד!

די מענטשן האָבן געשריען, געזידלט דעם ווינט. עטלעכע האָבן זיך געיאָגט נאָך זייערע היט, אַנדערע האָבן אויף גיך צוגעמאַכט די פענסטערס.

ס׳איז געווען ליהודים!

דער ווינט האָט זיך אָבער אַרומגעזען, אַז אַזאַ נסיעה מיט אַ צו גרויסן עולם איז פאַרבונדן מיט אַ סך מניעות: איינער קען בכלל ניט מיט-פאָרן, אַ צווייטער בלייבט אין מיטן וועג. האָט ער אַ קלער געטאָן:

— כ׳וועל בעסער זיך אַ לאָז טאָן ווייטער אַליין. אָבער וואָס איז פאַר מיר די ענגע גאַס? איך דאַרף ברייטקייט, פרייהייט!

* * *

הינטער דער שטאָט האָט זיך געצויגן אַן אָפּ-געשניטענער פעלד. אויפן פעלד איז אַרומגעלאָפן אַ חברה יינגלעך, וואָס האָבן געוואָלט ארויפלאָזן אינ-דערלופטן פאַפּירענע שלאַנגען. די שלאַנגען זיינען געווען שיינע, גרויסע, מיט לאַנגע פאַרשיידנפאַרביקע ווידלען. איין זאַך נאָר איז געווען ניט גוט: זיי האָבן ניט געוואָלט פליען.

דער ווינט האָט גלייך זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי:

— זאָגט נאָר, מײַנע טײַערע, — האָט ער זיך געווענדעט צו די שלאַנגען; — וואָס האָט איר אַזאַ מוראדיקן אויסזען? ס׳איז דאָך פּשוט אַ שרעק אַ קוק צו טאָן אויף אײַך. ווי איך זע, איז מיט אײַער פליען עפּעס ניט אײַנגאַנצן יום־טובדיק. וואַרט נאָר אַ ווײַלע, כ׳וועל אײַך אַ ביסל צוהעלפן.

און דער ווינט האָט אונטערגעכאַפּט די שלאַנגען און זיי אַ לאָז געטאָן אין דער הויך.

— אַזוי־וי, אָבער רויק; ציטערט ניט, האַלט די ווײדלען נאָר גלײַך! אָט אַזוי, איר זעט מײַנע ליבע? איר פליט דאָך אויסגעצייכנט. איצט פאַרזיכטיק: דאָ איז אַ בוים, האָט אין זינען אײַערע עקן!

די פאַרשײדנפאַרביקע פאַפּירענע שלאַנגען האָבן שוין געשוועבט אין דער לופטן.

די ייִנגלעך האָבן אַזש געטאַנצט פון שימחה. דער ווינט האָט אָבער ניט געהאַט קיין צײַט דאָ צו בלײַבן.

— איצט, מײַנע טײַערע, ווייסט איר שוין אַליין גאַנץ גוט, ווי מ׳דאַרף פליען — האָט ער געזאָגט צו די שלאַנגען און איז אַוועקגעפלויגן ווײַטער.

ער איז געקומען צו אַ וואַלד. די בלעטער

אויף די ביימער זיינען געווען אויסגעצירט אין רויטן, ברוינעם און געלן. דאָס האָט זיי דער הארבסט, קומענדיק אין יענעם וואַלד, אָט די שיינע קאָלירן געבראַכט.

ווי נאָר די בלעטער האָבן דערשפּירט דעם ווינט, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו בעטן ביי אים:

— ווינטעלע, ליבער ווינטעלע, נעם אונדז שוין אַראָפּ פון די ביימער. וואָס האָבן מיר פון אונדזער שיינקייט, אַז מיר זיצן שטענדיק אין דער הויך? אוי, מיר וואָלטן דאָך שוין אַזוי וועלן אַראָפּ־פליען אויף דער ערד, לויפן, טאַנצן און שפּרינגען.

— גוט, — האָט זיך צופרידן אָפּגערופן דער ווינט. ער האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט אין וועג מיט אַזוינע קליינע ליבלעכע טענצערקעס.

— פו... פו... פו...—האָט ער אָנגעהויבן צו בלאָזן.
— פו... פו... פו...—האָט ער געמאַכט נאָך שטאַרקער. און מיט אַ מאָל האָט אויף דער ערד זיך אַ שאָט געטאָן אַ גאַנצער רעגן פון בלעטער.

אויפן וועג האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ טאַנ־

צערײַ, די בלעטער האָבן אָנגעהויבן זיך צו דרייען ראָד אײַן, ראָד אויס; און דער ווינט, דער זעל־טענער טענצער, האָט זיי מיטגעהאָלפן, צוזינגענ־דיק דערבײַ זיין וואונדערבאַרן לידל: — הו־הו! הו־הו!..

אָפּגעטאַנצט, האָט זיך דער ווינט אַ לאָז גע־טאָן ווײַטער.

אויף אַ בערגל האָט ער דערזען אַן אַלטע חורבה. דער ווינט האָט זיך דערפרייט:

— מיר זײַנען דאָך עפּעס אַלטע באַקאַנטע!..

באמת זײַנען זיי געווען גוטע באַקאַנטע פון לאַנג. זיי האָבן זיך נאָך געקענט פון אַמאָל, ווען די אַלטע חורבה איז געווען א גרויסער טורעם. איצט איז זי שוין געוואָרן אַלט. אירע ציגל זײַנען אינ־גאנצן צעפאַלן, פון פענסטער און טירן איז שוין קיין זכר ניט געבליבן, דער דאַך איז געווען אָפּ־געריסן, און פון אַלע זײַטן האָבן אַרויסגעקוקט גרוי־סע שווארצע לעכער.

אָבער גראַדע מיט דעם איז דער ווינט געווען זייער צופרידן, ווײַל ער האָט געקענט פרײַ אַרײַן

דורך אַלע זײַטן: אַרומשפּאַצירן, בלאָזן, פּײַפן, ווי־
פיל דאָס האַרץ גלוסט.

פרײלעך און שטיפעריש איז אַרומגעלאָפן
דער ווינט איבער אַלע ווינקעלעך פון דער חורבה.
און די יאַשטשערקעס און שפּינען, וואָס האָבן זיך
דאָ צווישן די שטײנער געפונען, האָבן זיך צוגע־
הערט צו זײַן פּײַפן.

— זע נאָר! — איז דער ווינט פּלוצלונג גע־
בליבן שטײן אַ פאַרוואונדערטער, — ווי קומסטו אַהער?

דאָס האָט ער זיך אַזוי געוואונדעט צו אַ קלײ־
נעם שײנעם סכך־בײמעלע, וואָס איז געוואָקסן אויבן
אויף די חורבות פון טורעם און האָט אַרויס־
געקוקט מיט זײַנע גרינע צווײַגן צווישן די גרויע
שטײנער.

— דו דערקענסט מיך ניט? — האָט געפרעגט
דער סכך־בײמעלע, — דו האָסט דאָך מיך אַלײן
געבראַכט אַהער, דאַמאָלסט, ווען איך בין נאָר אַ
קלײן קערנדל געווען. געדענקסט? איך בין דאַ־
מאָלסט אין וואַלד געלעגן. דו האָסט מיך אויפגע־
הויבן און אַוועקגעטראָגן אַהער, צווישן אָט־די גרויע
שטײנער, איצט בין איך שײן אויסגעוואָקסן, האַ?

— גרויס און שיין ביסטו געוואָרן, ליבער סכך־ביימעלע! כ׳וואָלט דיך גאָרנישט דערקענט, — האָט געענטפערט דער ווינט. — ער האָט זיך זייער געפרייט מיט דער אומגעריכטער באגעגעניש. — א שאָד נאָר, וואָס איך קען דיך ניט מיטנעמען מיט זיך אויף דער רייזע. כ׳וועל אָבער אָפט קומען צו דיר צו גאַסט, קליינער סכך־ביימעלע! איצט איַיל איך, איך מוז פאָרן ווייטער. אַ גוטן טאָג!

אַרום דער חורבה, אין בלישטשנדיקן האַרבּ־סטיקן זונענשיַין האָבן זיך אין דער קלאָרער לופט אַרומגעטראָגן דינע לאַנגע שפינפעדעם.

— ווען איך וואָלט געהאַט טויזנט אַזעלכע פעדעם, וואָלט איך גלייך געהייסן מאַכן פון זיי אַ דינעם שלייער און וואָלט אים אַוועקגעטראָגן צום קליינעם גרינעם סכך־ביימעלע, — האָט דער ווינט אַ טראַכט געטאָן.

נאָר דער ווינט האָט פיַינט צו טראַכטן לאַנג וועגן איין און דערזעלבער זאַך. ער האָט זיך פאַר־געסן וועגן סכך־ביימעלע און איז געפלויגן ווייטער, באַרג אַראָפּ, צום טאָל.

דאָרטן האָט ער אויף אַ ברוינעם קאַרטאָפּל־פעלד דערזען אַ פרײַלעכן פערדל.

— הו־הו! — האָט מיט צופרידנקייט געפּײַפט דער ווינט, — דאָרטן בראָט מען קאַרטאָפּל. אַי, ווי גוט עס שמעקט. מ׳דאַרף אַהינצו אַ שפּאַציר טאָן!

און ער האָט אַזאַ בלאָז געטאָן אויפן פײַער, אַז די מענטשן, וואָס זײַנען דאָרטן געשטאַנען, האָבן געמוזט אָפּשפּרינגען אָן אַ זײַט. בײַ איינעם האָט דער פײַער שיר־שיר ניט אָנגעכאַפּט דעם בגד.

— אוי, סאַראַ שלעכטער ווינט! — האָט דער מענטש אַ געשריי געטאָן.

דעם ווינט איז נאָך פרײַלעכער געוואָרן. ער האָט אַ בלאָז געטאָן דעם רויך די מענטשן גלייך אין פּנים און אין מויל אַרײַן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו הוסטן און אים זידלען. האָט ער גלײַך געמאַכט פּליטה, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ ביסעלע שמעקעדיקע לופט פון די קאַרטאָפּל.

— דאָס וועל איך אַוועקטראָגן אין דאָרף, — האָט געטראַכט דער ווינט. — זאָל כאָטש בײַ יענע מענטשן, וואָס געפינען זיך דאָרטן, לויפן אַ ביסל די סמײַע פון מויל!

אָ' דער ווײַנט איז געווען נישקשה פון א
קונדס.

—

מיט א פיית פרוט אין פריידע איז דער
ווײַנט אין דאָרט אראָפגעקומען. ארין האָט דאָרט
מיט אמאָל אָפגעלעבט און זיך אָנגעשטעלט
מיט זיין פריידעקייט.

ברוך הבא' האָט איבגעשריגן די נאָ-
טיכה, וואָס האָט זיך געשריגנט איבן פארקאָן. און
דערבײַ האָט זי מיט ארע מיזרח געווינקט און גע-
פאָכעט אנטקעגן דעם ווײַנט.

ברוך הבא' האָט איבגעריפן די וואָן
איבן דאָר און האָט אָנגעהויבן צו פראַווען ב"ה
הבא' דער ווײַנט איז דאָ'

און די ביימען און די ביימער האָבן זיך גע-
נייגט און געגריסט. און די ווינטהארפע דאָרטן
איבן אויבן דאָר פון גאָרטן שטיבל האָט זיך אויך
פארנייגט פארן ווײַנט און האָט אָנגעהויבן צו זינגען

איבן אויבן טיכעס האָט זיך אויך עפּיצער
געגעבן און געזונגען. דאָס איז געווען דער ווײַנט
ווינטער. ער, דער ווינט-ווײַזער, האָט זייער שטארק

געהאַלטן פֿון זיך. ווײַל ער פֿלעגט אָנזאָגן די מענטשן,
פֿון וואַנען עס קומט דער ווינט: צי פֿון מערבֿ, צי
פֿון מיזרח, פֿון צפֿון צי פֿון דרום. אײַנס האָט ער
אָנגעהויבן צו פֿירלען.

דער ווינט טוט ניט. ער ברענגט מיט זיך
טרײַבעניש, שטויב און פֿאַרקירעכטס.

א מאָדנער ווינט־ווייער. קיינמאָל איז ער ניט
געווען צופֿרידן; אַז דער ווינט געקומען פֿון צפֿון,
פֿלעגט ער בורטשען אויף דער קעלט; אַז
ער געקומען פֿון דרום פֿלעגט אים זײַן צו וואַרעם.

דער ווינט וואָלט אפֿשר פֿאַרבליבן אויפֿן דאַך
זיך דורכצושמועסן מיטן ווינט־ווייער. נאָר פֿלוצלינג
האָט מען אויפֿן טורעם אָנגעהויבן צו קלינגען. עס
איז געווען פֿאַרנאַכט־צײַט. האָט דער ווינט זיך אויף
גיך צעזעגנט מיטן ווינט־ווייער און איז אַוועקגע
לאָפֿן ווײַטער.

די גראָבע קלאַנגען האָט ער אָבער מיטגענו־
מען מיט זיך, ווײַל זיי זענען אים זייער געפֿעלן
געוואָרן. א ביסל קלאַנגען זענען פֿאַרלאָרן געגאַנ
גען אין וועג. א טייל אָבער האָט ער דאָך באַהאַלטן.

איך וועל דאָס אײַנטראָגן דעם אַלטן

פאסטוך, וואָס פאשעט אויפן פעלד זיינע שעפסע־לעך, האָט ער געקלערט.

אין ער האָט זיך א לאָז געטאָן איבערן רייט־בריינגען פערד צום פאסטוך.

דער פאסטוך האָט זיך צוגעהערט צום קלאנג אין געזאָגט:

— נו, שעפסעלעך מיינע, שוין צייט אהיים צו גיין.

די שעפסעלעך זיינען געווען געשאָרן איבערן ברייטן פעלד. זיי האָבן געשפרונגען, גע־צופט גראָז, געשמעקט בלומען... אין געווען זייער צופרידן מיט זייער לעבן.

— סארא ליבע נשמות! — האָט געזאָגט דער ווינט אין א בלאָז געטאָן איבער זייער ווייכער וואָ־לענער פעל. — זיי זיינען בלייבן אזוי שיין, ווי מיינע קליינע ווייסע וואָלקן־שעפסעלעך אויפן הימל...

דאָ האָט זיך דער ווינט דערמאָנט, אז אים שטייט נאָך היינט פאר א לאנגע נסיעה. האָט ער זיך ליבלעך צעזעגנט מיט די שעפסעלעך און זיך געלאָזט ווייטער.

דער וועג איז אלץ געגאנגען איבער א ברייי־
טע פראכט פעלד. אויב אין אויב איז ניט געווען צו
זען ניט קיין בוים, ניט קיין הויז, ניט קיין מענטש.

פריצל'ע האט דער ייינט באמערקט. [illegible]
עמיצער [illegible] איז [illegible] ניט אויסגעשטרעקט
מע הענט.

[illegible] האט זי דאר מיין ארבעט באטראכט,
די [illegible] האט זיך דערפרייט דער ייינט און
זיך א [illegible] צום בערגל.

[illegible] געבער [illegible] מיר א [illegible]

ביי [illegible] האט ער אנגעכאפט
די פערדע [illegible] און די [illegible] צו
[illegible] און [illegible] א בוי דער
ארבעטער [illegible] באטראכט דער אלעס, און
זי האט אויפגעהויבן [illegible] און [illegible].

[illegible] פאר
איר. האט [illegible] דער ייינט און איז
[illegible].

די ארבעט [illegible] האט נאך אין [illegible] דער
[illegible] איז געווען [illegible] צופרידן: [illegible]

דער ווינט האָט געדרייט די פליגלען פון דער מיל, האָבן די מילשטיינער דערווייל צעמאָלן די קאָרן.

—

דאָס לאַנגע, איבער יאָרן דער ווינט האָט איצט אויסגעשפּאַצירט. איז נאָך אַרום געווען פראָך, איינזאַם אין דאָרף, סיהאָט זיך געזען נאָר זאַמד און גראָז, גראָז און זאַמד. פריערווייל נאָר האָט זיך געזויבערט א קרין אָדער גרינע טייבל. די טייכלעך זיינען אָבער געווען אויך שטיל ... די יאָרן געשלאָפן.

יאָס עפּעס שלאָפן זיי אין מיטן הייגן טאָג? האָט געקלערט דער ווינט. מיסתמא איז זיי דאָ זייער אומעטיק.

און ער האָט א בלאָז געטאָן גלייך איף די וואַסערלעך. די וואַסערלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, זיך קארבן און האָבן זיך באַדעקט מיט קליינע כוואַליעס.

— איז נאָך עפּעס ווייט צום ים? האָט זיי געפרעגט דער ווינט.

— אָ, ניין, גאָרניט ווייט, האָבן זיי געענט־

פערט, צו הערסטו דען ניט זיין רייטן?

און באמת, פון דערווייטן האט זיך געלאזט הערן עפעס א משונהדיקער ברויזן.

דאס איז געווען דער ים. און ווי נאר דער ווינט האט דאס דערהערט, אזוי האט ער דאס א פייף געטאן; ער האט געוואַרט נאך הינטער זיין ביי אים.

הי הי האט ער געפייפט און געפלויגן.

און אט איז ער שוין געקומען צו אים, צום גרויסן־גרויסן בלויען ווייטן ים.

דא אויפן ים זיינען די כוואליעס געווען גאר גאר אנדערע, ווי יענע קליינע כוואליעלעך אויף די קליינע טייכלעך. סארא ווייסע שוים קרוינען זיי האבן געהאט און ווי שיין זיי האבן זיך געשפילט און געקייקלט איינע איבער דער אנדערער!

און אז דער ווינט איז צוגעקומען און האט אנגעהויבן צו פייפן און זיך שפילן מיט זיי, האט זיך אויפגעהויבן אויפן ים אזא טאנצערײַ, אזא שפרינגערײַ, אז די מענטשן, וואס זיינען געפארן אויף די שיפן, האבן זיך איבערגעשראקן.

די זעגלשיפֿלעך האָבן זיך מיטן ווינט זייער דערפֿרייט.

ענדלעך ביסטו געקומען צו אונדז! האָבן זיי צו אים געזאָגט. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג שטייען מיר און קענען זיך פֿון אָרט ניט רירן. זיי אַזוי גוט, ווינט, העלף אונדז צו א ביסעלע.

מיטן גרעסטן כּבֿוד, מײַנע ליבע פֿרײַנד, האָט זיך אָפּגערופֿן דער ווינט.

ער האָט א בלאָז געטאָן אויף די זעגלען, און זיי האָבן זיך גלײַך אָנגעבלאָזן און לעבעדיק געוואָרן.

גענוג שוין, גענוג שוין, בלאָז ניט אַזוי שטאַרק, מיר קענען דאָך נאָך פּלאַצן — האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו בעטן.

ס'איז גאָרניט, מײַנע פֿרײַנד, שרעקט זיך ניט, האָט ער זיי געענטפֿערט און האָט נאָך שטאַרקער גענומען בלאָזן.

די זעגלען האָבן טאַקע ניט געפּלאַצט, און די שיפֿלעך האָבן פֿלינק און לײַכט אַרומגעשווימען אויפֿן וואַסער.

ס'איז באמת געווען זייער א שיין בילד.

די דארפסט זיך ניט בעטענען איך אינדז, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן   האָט געזאָגט צום ווינט אין זעגלשיף.   א גרויסע שיף, וועלכע האָט זיך הײנט אנגעקומען פון אמעריקע. האָט אינדז דער-ציילט וועגן דיר דייער שרעקלעכע זאכן.

וועגן מיר   האָט זיך שטארק פארווּנ-דערט דער ווינט.

יע, וועגן דיר. ער האָט געזאָגט   אז דו האָסט דערטרינקען אין ים א שיף. פריער האָסטו צעבראָכן אירע מאסטבוימער דערנאָך האָסטו דעם שיף מיט אלע מענטשן וואָס זיינען איך אים געווען, ארויפגעשליידערט איך א פעלז.

יי שרעקלעך דאָס איז   האָט געזאָגט דער ווינט.   אָבער ניט איך האָב דאָס געטאָן, נאָר מיין עלטערער ברודער, דער שטורעם. ער האָט דאָס געטאָן.

איינגעבויגן איז שוין דעם ווינטברייוס געווען איצט געענדיקט.

ער האָט געוואָרט קומען צום ים און האָט זיין ציל דערגרייכט.

דאָ איפן ים האָט ער פארבראכט דעם גאנצן פארנאכט.

אָט איז שוין געקומען דער אָוונט. די זון איז שוין פון לאנג אונטערגעגאנגען. די זעגלשיפלעך זיינען שוין איינגעשלאפן, די ווייסע וואסער פייגעלעך, וואָס האָבן זיך ארומגעטראָגן דעם גאנצן טאָג איבערן ים, זיינען שוין אויך איינגעשלאפן. זיי זיינען שוין איצט אין זייערע נעסטן וואָס געפינען זיך אויף די פעלזן.

און דער ווינט? וואזשע קען ער זיך לייגן שלאָפן? ער איז דאָך געווען אזוי פארמאטערט פון דער לאנגער רייזע. ער האָט געוואָלט זיך אויסזוכן א באקוועמען ווארעמען ווינקעלע.

ס'איז שוין געווען זייער פינסטער. ווייט איפן ברעג האָט ער דערזען א בלאסן פייערל.

דאָס האָט געברענט א פייערל אין פישערס הייזל, וואָס איז געשטאנען איפן ברעג פון ים.

די פייערלעך האָבן פריינדלעך ארויסגעקוקט פון די פענסטערס אין דער פינסטערניש ארויס.

— ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט זיך איצט אהין אריינקריכן. האָט גע־טראכט דער ווינט. אָבער ווי מאכט מען דאָס?

האָט ער זיך דורך דער פינסטערניש אהין

אַװעקגעטראָגן און געקליבן צום פֿישער הויז.

ער האָט פּרובירט אַרײַנגײן דורך די פֿענסטער, אָבער זײ זײַנען געװען צו ענג פֿאַרמאַכט. האָט ער זיך א ביסל א גראַבל געטאָן בײַ דער טיר אויך אומזיסט.

דער װינט איז אָבער א בײזער. האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אױבן דאַך, זיך א גיבער געטאָן דורכן קױמען און אַרײַן אין אױװן.

װי נאָר דער װינט איז אַרײַן אַרײַנגעקומען, האָט דער פֿײַער אין אױװן גלײַך אױפֿגעפֿלאַמט און פֿאַרשפּרייט איבער שטוב זײַן רויט גאָלדענע נײַע שײַן.

אינעװײניק אין שטוב איז געװען װאַרעם. אין מיטן צימער איז געשטאַנען א װיג, און װעלכער ס'איז געלעגן א קינד מיט רויטע בעקעלעך. דאָס קינד האָט געשריען און ניט געװאָלט אײַנשלאָפֿן. איז די מאַמע צוגעגאַנגען צו דער װיגעלע, זיך אײַנגעזעצט לעבן איר און אָנגעהויבן צו װיגן דאָס קינד און זינגען א לידעלע:

שלאָף שוין, שלאָף, מײַן טײַער קינד
הער, עס װײט דער אָװנט־װינט.

ווייגט די ביימער אָן א שיער,
און פֿון ווינטעלס צארטן ריר
פֿאלן טרוימען גאָלד געשפּינסט:
שימערט עס מיט ליכט און גרינס...
ס'ברענגט א טרוים דיר באלד אריין,
שלאָף נאָר איין, מיין קינד שלאָף איין!

הו־הו! האָט צופרידן א הויך געטאָן דער ווינט, — אָט דאָ וואָלט איך געהאט א גוטן נאָכטלעגער. קיין בעסערן קען איך זיך גארניט ווינטשן.

אינדעם האָט זיך געעפֿנט די טיר, און ס'איז אריין אין שטיב דעם קינדס טאטע, דער פֿישער. ער איז צוגעגאנגען צו דער וויגעלע, זיך איבערגעבויגן איבער זיין קינד און אים א קוש געטאָן אין די רויטע בעקעלעך.

ס'איז געוואָרן שפּעט. דער פֿישער און זיין ווייב האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן. דאָס קינד איז שוין אויך פֿון לאנג איינגעשלאָפֿן, און אין שטיב איז געוואָרן שטיל.

דער ווינט האָט זיך באהאלטן אין ווינקל פֿון אויוועלע און געבליבן דאָרטן ליגן שטיל, ווי א קעצעלע.

איינשלאָפן האָט ער אָבער ניט געקענט, ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם לידערל מיט די גאָלדענע טרייטען.

צי איז אמת די מעשה ·

דער געדאַנק וועגן דעם האָט אים ניט געלאָזט רוען. גיין ער מוז מיט די אייגענע אויגן זען די גאָלדענע טרייטען.

שטיל האָט ער זיך דורכגעגנבעט דורכן קיימען גלייך אין גאָרטן אריין.

אָט אויף דעם ביימעלע וועל איך אויס־פרואוון צי ס'איז אמת, וואָס די מאמע האָט געזונגען.

ער האָט שטיל א טרייסל געטאָן דעם ביימע־לע. א פּאָר גאָלדענע בלעטער זיינען אראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. האָט ער נאָך א מאָל א שאָקל געטאָן שוין פעסטער. דערנאָך א דריטן מאָל, גאָר שטאַרק. פון בוים האָבן זיך א שאָט געטאָן א סך, א סך בלעטער. יאָ, ניט מער ווי בלעטער. אָבער ווו זיי־נען די גאָלדענע חרובות? ווּזשע האָבן זיי זיך באַהאַלטן?

דער ייִנגל האָט גוט באַטראַכט דעם ביימעלע. וואָס זשע האָט ער דערזען? — צי די צווייגן פון

ביימעלע, דאָרט, ווו עס זיינען פריער די בלעטער געהאנגען, האָבן זיך צוגעשטעליעט א סך גאָר קליינינקע קנאָספּעלעך.

אפשר זייגען די טרוימען, די גאָלדענע פרילינג טרוימען, אין אָט די קנאָספּעלעך באהאלטן? סיי־ווי־ס איז אז יאָ, אזוי מוז דאָס טאקע זיין.

דער ווינט האָט אזוי געטראכט. אָבער ווארטן, ביז די קנאָספּעס וועלן זיך עפענען, האָט ער ניט געקענט. האָט ער זיך שטיל צוריק אריינגעגנבעט דורכן קוימען אין ווארעמען אויוון אריין.

און א ווײַלע ארום איז ער שוין געשלאָפן.

